דוד־הירש ראָסקעס / ניו־יאָרק

# יצחק באַשעוויס און זײַנע שדים

אויב אַ גיהנום איז דאָ, איז אַלץ דאָ.
יצחק באַשעוויס, 1943

## צווישן יצחק באַשעוויס און IBS

ווי אײנעם אַ העלד אין זײַנער אַ מעשׂה, האָט מען יצחק באַשעוויסן געקידנעפּט, און אַנשטאָט דעם רבֿס אַ זון און רבֿס אַן אײניקל, האָט מען אויף זײַן אָרט געלאָזט אַן אַמעריקאַנער שד. דער לעצטער איז אַזוי אַנדערש פֿונעם שרײַבער וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אויף ייִדיש, אַז מיר האָבן שיִער ניט צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע געשטאַלטן: אײנער אַ „יצחק באַשעוויס" וואָס איז געבליבן מעבֿר־לים, און אײנער אַ Isaac Bashevis Singer וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ים מיט ביכער אויף ענגליש. איצט, אַז אַפֿילו IBS איז אויך אַוועק אויף יענער וועלט, האָבן די אַמעריקאַנער קולטור־אַפּיטרופּסים מער קײן מורא ניט אַז דער אמתער, ראַיעלער יצחק באַשעוויס זאָל זיך פּלוצעם יאַווען און אָפּשרײַען די גזירה. דערפֿאַר, למשל, האָבן אויפֿן גאַלאַ־אָוונט לזכר באַשעוויסן (דעם 4טן נאָוועמבער 1991) אין ניו־יאָרקער „ווײַ" אויף דער 92סטער גאַס אויפֿגעטראָטן אַ גאַנצער מנין פֿון זײַנע פֿאָרשערס און פֿאַרלעגערס, און נאָר אײנער, פּראָפֿ' דן מירון, האָט געוווּסט צו דערציילן פֿון באַשעוויסעס אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַז IBS קערט זיך גאָרניט אָן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע אינעווייניקסטע טראַדיציעס איז שוין אַ חוק־ולא־יעבֿור פֿון דער ענגלישער קריטיק. „די שטודיע וועגן יצחק באַשעוויס־זינגערן באַטראַכט אים ווי דאָס וואָס ער האָט אָפּט געזאָגט אויף זיך", — שרײַבט עדוואַרד אַלעקסאַנדער אין ערשטן זאַץ פֿון זײַן מאָנאָגראַפֿיע, „אַ שרײַבער אין דער ייִדישער טראַדיציע (in the Jewish tradition) אָבער לאַוו־דווקא אין דער טראַדיציע פֿון ייִדיש". אמת טאַקע, IBS האָט אַלײן פֿאַרשפּרייט דעם דאָזיקן קלאַנג, און ניט געקוקט אויפֿן כּלל פֿון „כּבדהו וחשדהו", אַז ניט אַלץ וואָס אַ שרײַבער זאָגט וועגן זיך איז תּורת משה מסיני, האָבן ס'רובֿ פֿאָרשערס און קריטיקערס אים גענומען אויפֿן וואָרט. און פֿאַר וואָס זשע טאַקע ניט? אַזוי זענען זיי פּטור פֿון לייענען אים אין אָריגינאַל, אויפֿן פּאָן פֿון אַ ליטעראַטור וואָס איז זיי במילא פֿרעמד.

אָן ייִדיש איז מען אויך פּטור צו פֿאָרשן זײַן ביאָגראַפֿיע און ביבליאָגראַפֿיע. מען איז יוצא מיט לייענען זײַנע ענגלישע זכרונות און אויטאָביאָגראַפֿישע טרילאָגיע; מע פּטרט אָפּ זײַן לעבן מיט אַ פּאָר אַנעקדאָטן, וואָס באַווײַזן ווי אַלטפֿרענקיש ס'איז געווען אָט דער לעצטער פֿון די מאָהיקאַנער. עפּעס שרײַבט ער זײַנע מעשׂיות און ראָמאַנען אין בלויע שולהעפֿטן; עפּעס גלייבט ער אין שדים און רוחות; עפּעס עסט ער נאָר

וועגעטאַריאַניש. און ווען אַפּילו ערנצטערע לײַט, ווי לעסלי פֿידלער און ראָבערט זשירו, בײַם אָוונט אין דער ״ווײַ״, אָדער יוסף עפּשטיין, שרײַבנדיק אין קאָמענטערי, ציִען אַ סך־הכּל פֿון באַשעוויסעס קאַריערע, קומען זיי צום ווײַטערדיקן אויספֿיר: וואָס עלטער, אַלץ קעלטער; ד״ה אַז זײַן אויסקוק אויפֿן לעבן ווערט אַלץ פֿינצטערער וואָס עלטער ער ווערט.

ביידע טעזיסן זענען אָבער פֿאַלש. באַשעוויסן קען מען ניט אָנהייבן צו פֿאַרשטיין, סײַדן אין קאָנטעקסט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, און גראָד אין זײַנע מיטעלע און עלטערע יאָרן איז זײַן ווזיע געוואָרן וואָס אַ מאָל לויטערער, שפּילעוודיקער, ווײַל ערשט דעמאָלט האָט ער אַנטפּלעקט די דערציילערישע און אויטאָביאָגראַפֿישע יסודות פֿון זײַן אייגענער קונסט.

דווקא ווען אַלץ איז שוין געלעגן חרובֿ, ווען דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז געווען פֿאַרמישפּט צום טויט, און נאָך דעם ווי ער אַליין איז שוין יאָרן־לאַנג אַרומגעגאַנגען ״אַ פֿאַרלוירענער אין אַמעריקע״ — קומט דער קערפּונקט אין זײַן שרײַבן. אין 1943 שטייט יצחק באַשעוויס אויף תּחיית־המתים, אַזוי צו זאָגן. און דער סימן־מובֿהק פֿון זײַן ווידערגעבוירן ווערן איז וואָס דער ראָמאַניסט און רעאַליסט ווערט מגולגל אין אַ שד, אַ דערציילער פֿון דעמאָנישע מעשׂיות און חסדעס. אין זכות פֿון זײַנע שדים פֿאַרנעמט יצחק באַשעוויס אַ צענטראַל אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און אין זייער זכות געפֿינט ער אַ ווזיע, וואָס איז גובֿר דעם אומקום.

## דאָס לעבן פֿון אַ שרײַבער־געזעלן

להיפּוך צום אויטאָביאָגראַפֿישן בילד פֿון זײַנע שפּעטע ראָמאַנען און זכרונות — פֿון אַ נעבעכדיקן, וואַקלענדיקן שרײַבער־אָנהייבער, אַן אייביק־פֿרעמדן אין שרײַבער־פֿאַראיין — איז יצחק זינגער גיך אויסגעוואַקסן אין אַ וויסיקן, פּראָפֿעסיאָנעלן שרײַבער, מיט אַלע פּיטשעווקעס. אמת, די בית־דין־שטוב פֿון הרבֿ פּנחס־מנחם זינגער אויף קראָכמאַלנע־גאַס איז ווײַט ניט געווען קיין ליטעראַרישער סאַלאָן, ווי בײַ הלל צייטלינען אויף שליסקע 60. ערשט אין שטעטל בילגאָרײַ, בײַם זיידן פֿון דער מאַמעס צד, צווישן 1917־1923, האָט יצחק זינגער געפֿונען אַ קולטורעל פֿרײַערע אַטמאָספֿער, ווו מ׳האָט שוין געלייענט עבֿרית, געחלומט פֿון חלוצישער אַרבעט און זיך אָנגעהערט וועגן דער סקאַמאַנדער־גרופּע פֿון פּוילישע מאָדערניסטן. טאַקע דעמאָלט איז דער עלטערער ברודער ישׂראל־יהושע אַוועק קיין קיִעוו און מאָסקווע, ווו ער האָט זיך געחבֿרט מיט די ייִדישע מאָדערניסטן דער נסתּר און בערגעלסאָן. ווען י. י. זינגער האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרטן אַן אָפּגעבריטער, האָט ער אַליין, כּידוע, מיטפּראָקלאַמירט דעם אָנהייב פֿון אַ נײַעם גאַנג אין דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור: די כאַליאַסטרע.

ביידע ברידער באַזעצן זיך אין וואַרשע ווו יצחק ווערט דער (ניט זייער געניטער) קאָרעקטאָר פֿון די ליטעראַרישע בלעטער, דאָרט ווו ער שרײַבט פֿון מאָל צו מאָל אַן אַ רעצענזיעלע און ווו ער דעביוטירט מיט זײַן פּרעמירטער דערציילונג ״אויף דער עלטער״, אין 1925. אין זעלביקן יאָר שרײַבט ער זיך צום ערשטן מאָל אונטער ״יצחק באַשעוויס״. אַנשטאָט זיך אָנצושליסן אין דער באַקאַנטער פֿירמע זינגער, זוכט ער אַן אייגענעם איך אויפֿן סמך פֿון דער מאַמעס נאָמען.

שוין צו זײַנע 21 יאָר, הייסט עס, האָט יצחק באַשעוויס געפֿונען אַן אָרט סײַ אויף ייִדיש (נאָך אַ פּאָר אומזיכערע טריט דווקא אויף העברעיִש), סײַ דורך ייִדיש — דורך די נײַע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַנען פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער ליטעראַטור און דורך דער הערשנדיקער אידעיִשער שיטה פֿון אָט דער ליטעראַטור. ווײַל במשך די קומענדיקע זיבן יאָר דרוקט ער אָפּ נאַטוראַליסטישע דערציילונגען, וואָס אַפֿילו זייערע טיטלען — "אויף דער עלטער", "אין קעלער", "אַ דאָרפֿס־קברן", "אויפֿן עולם־התוהו", "צוריקוועגס", "אין אַן אַלט הויז", "רעשטלעך" און "יורדים" — זאָגן עדות אויפֿן נאַטוראַליזם, וואָס איז דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע: בײַ ווײַסענבערג, אָפּאַטאָשו, א.מ. פֿוקס, און טאַקע בײַ י.י. זינגערן אויך. ווער עס לייענט די אַכצן נאָוועלעס פֿון יענער בראשית־תּקופֿה — וואָס האָבן זיך, אַגבֿ, געדרוקט אין די וויכטיקסטע טריבונעס פֿון דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור — וועט פּשוט שטוינען ווי פֿינצטער און פֿאַרייִאושט עס איז די וויזיע פֿונעם יונגן באַשעוויס: אַלע העלדן — מענער צי פֿרויען, פּראָסטאַקעס צי חסידישע אייניקלעך — זענען פֿאַרגרעבט און באַהערשט דורך חייִשע אינסטינקטן.

אַלץ גייט אונטער — דאָס שטעטל און די שטאָט, דער רבישער הויף און דער בית־מדרש, די פֿאַבריק און דער סאַלאָן.

יצחק באַשעוויס איז שטרענג און קאָנסעקווענט, סײַ לגבי זײַן רעאַליסטישן סטיל, וואָס האַלט זיך נאָר בײַם געזעענעם פֿאַקט און גערעדטן וואָרט, סײַ לגבי זײַן תּוכן, וואָס כאַפּט אויף דאָס לעבן פֿון די נידעריקסטע שיכטן אין אַלע זײַנע פֿינצטערע פֿאַרבן. דער סיפּור־המעשׂה שפּילט זיך אָפּ אָן קונצן. אַנשטאָט אינדיווידועלע העלדן, פֿיגורירן "צוויי", "שוועסטער", און "יורדים".

דאָך באַווײַזן זיך די ערשטע סימנים, אַז דער יונגער באַשעוויס זוכט אַן אויסוועג פֿון יענעם קינסטלערישן תּהום:

(1) אין 27סטן יאָר דרוקט ער אַ קורצן מאַניפֿעסט פֿון ליטעראַרישן רעאַליזם: "ווערטער אָדער בילדער" (ליטעראַרישע בלעטער, נומ׳ 34). דאָ פֿאַרטיידיקט ער די גבֿורה פֿונעם עפּישן רעאַליסט, וואָס איז "פֿאַרמישפּט אויף פּרטים". "וואָס סובטילער ס׳דאַרף זײַן די שטימונג, וועלכע ער וויל אַרויסברענגען, אַלץ מער פּרטים און אַלץ זעלטענערע בילדער דאַרף ער צונויפֿקאָמבינירן" (ז׳ 663). דער רעאַליסט, הייסט עס, מוז זיך ספּראַווען נאָר מיט אָביעקטיווע פֿאַקטן. "דאָס איינציקע פֿענצטערל פֿון דער נישט־געזעענער אינערלעכקייט אין דער רעאַלער דערציילונג איז דער דיאַלאָג" (דאָרט). ווערטער און בילדער — און מער גאָרניט. אַוודאי זענען דאָ אַזעלכע קינסטלער, ווי די עקספּרעסיאָניסטן, אַ שטייגער, וואָס ווילן "מיט שטורעם איבערברעכן די וואַנט און דערגיין צום תּמצית", און קעגן זיי פֿירט באַשעוויס אַן אָפֿענע פּאָלעמיק. ווײַל אין לעצטן סך־הכּל קען מען דורך בילדער "נישט איבערגעבן אַלץ, אָבער אַלץ וואָס ווערט געגעבן אין אַ רעאַלער ערציילונג, מוז געגעבן ווערן נאָר אין בילדער" (ז׳ 665). וואָס טוט אָבער אַ יונגער שרײַבער, וואָס וויל אַליין אויך "דערגיין צום תּמצית", וואָס זוכט אַליין אויך אַ דירעקטן און רײַכן קוואַל "אויסער די נאַטור וועלכע ווערט באַגרײַפֿט מיט די חושים"? (ז׳ 664)

(2) כאָטש באַשעוויס לערנט זיך שערן אויף דער באָרד פֿון עפּישן רעאַליזם און פֿון ייִדישן נאַטוראַליזם, האָט ער גאַנץ גענוי דערשפּירט די אַנטירעאַליסטישע

השפּעות אין דער נײַער אייראָפּעיִשער קולטור. געוויס האָט אים זײַן גוטער־פֿרײַנד אַהרן צייטלין אַ שטויס געטאָן צו זוכן יענע טראַנסרעאַליסטישע וועלט, ווײַל אין זעלבן אַלמאַנאַך, די וואַרשעווער שריפֿטן (1926/7), ווו יצחק באַשעוויס דרוקט אָפּ צוויי היפּערנאַטוראַליסטישע נאָוועלעס, געפֿינט זיך צייטלינס פּלאַם־פֿײַערדיקער מאַניפֿעסט ״דער קולט פֿון גאָרנישט און די קונסט ווי זי דאַרף זײַן״. צייטלין שטעלט דאָ אַוועק צוויי ברירות: אָדער אַ קאָסמישע קונסט, אָדער אַ ״שפּיגלעניש פֿון גאָרנישט און דעם אייגענעם גאָרנישט״, ווי מע געפֿינט עס, אַ שטייגער, בײַ א.מ. ווײַסענבערג. און כאָטש ער דערמאָנט זיי ניט בײַם נאָמען, מיינט ער מיט זײַן קאָסמישער קונסט נאָכצוגיין דעם מוסטער פֿון די איטאַליענישע פֿוטוריסטן (ווי ס׳האָט לעצטנס אָנגעוויזן דער פֿאָרשער יחיאל שיינטוך). דאָס וואָס מאַרינעטי און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן פֿון זײַן זגאַל ווילן דערגרייכן דורך מאַשינען, מוזיק, און מאַטעמאַטיק, דורכצוברעכן צײַט און רוים, וויל צייטלין דערגרייכן דורך די מיסטישע מקורים פֿון דער ייִדישער קולטור:

> מיר, דאָס פֿאָלק פֿון שיר־השירים־פּאָעמעס און זוהר־פּלאַסטישע וועלט־זעונגען, זענען איצט די אומקינסטלערישסטע, ווײַל מיר שטעקן אין קונסטרעפֿלעקס און האָבן פֿאַרלוירן דעם איראַציאָנעלן בטבֿע און איררעאַלן בטבֿע קונסטאינסטינקט. (ז׳ 6)

פּונקט ווי מיט אַ דור פֿריִער האָבן זײַן טאַטע, הלל צייטלין, און י.ל. פּרץ אויפֿגעריכט דעם חסידיזם אין נאָמען פֿון ניטשע און דעם נעאָראָמאַנטיזם, אַזוי איז די רעהאַביליטאַציע פֿון דער קבלה געקומען אונטערן צייכן פֿון מאָדערנעם רעוואָלט. דער רעוואָלט האָט, צווישן אַנדערן, געזוכט אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף דער פֿראַגע פֿון ייִד און מענטש. בעת די ייִדישע פֿאַרטייען און פּסעוודאָ־קינסטלערס האָבן געוואָלט אײַננעמען דעם רוים, האָט צייטלין געשטרעבט אײַנצונעמען די צײַט, דעם קאָסמאָס. צייטלין האָט געזוכט די מעטאַפֿיזישע וויזיע, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון דער וואָר.

(3) באַשעוויס קערט זיך אויכעט אום צו דער קבלה — ניט ווײַל חסידות, נסים און רוחות זענען געלעגן פֿאַרבאָרגן אין אים פֿון קינדווײַז אָן, ווי ער וועט שפּעטער שרײַבן אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿישער טרילאָגיע, נאָר ווײַל דער שטויס, די אינספּיראַציע זיך אומצוקערן צו די אייגענע מקורים קומט אַלע מאָל פֿון דרויסן.

אין ״אויפֿן עולם־התוהו״ (1928) זעען מיר באַשעוויסעס סאַמע ערשטן פּרווו צו באַנעמען רעאַליסטיש דעם קאַמף מיט איבערנאַטירלעכע כּוחות. ״זיכער בײַ זיך אַז ר׳איז דערגאַנגען אין קבלה־מעשׂית ביזן סוף, קען די באַהאַלטענע שמות און ווייסט די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון אַלע היכלות, — האָט שמעון אָפּגעפּאַסט צו פֿאַרריכטן דאָס, וואָס ר׳ יוסף דילה ריינה האָט קאַליע געמאַכט, אויסגעפֿינען דעם שׂטן און אָן שום דערבאַרעמדיקייט פֿון אים מאַכן אַ תּל״... (די ייִדישע וועלט, ז׳ 54). די נאָוועלע גופֿא בלײַבט געטרײַ די פֿאָדערונגען פֿון עפּישן רעאַליזם ווי יצחק באַשעוויס האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין זײַן מאַניפֿעסט. אָבער אין זײַן טעמאַטיק זוכט ער שוין אַ טיר צו אַ צווייטער, קאָסמישער רעאַליטעט.

צוזאַמען געפֿינען באַשעוויס און צייטלין אַ היים אין אַ נײַער רעאַקציאָנערער צײַטשריפֿט מיטן חוצפּהדיקן נאָמען גלאָבוס. דאָ טרעט באַשעוויס אַרויס קעגן וואָסער ניט

איז אַנגאַזשירטער ליטעראַטור. "דער אמתער דיכטער, ווי לאַנג ער לעבט, וועט קיין מאָל נישט דינען דעם רוצח", שרײַבט ער אינעם מאַניפֿעסט "צו דער פֿראַגע וועגן דיכטונג און פּאָליטיק" (גלאָבוס נומ' 3, 1932). "דער דיכטער איז דער פֿאַרקערפּערטער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו". אויף די זײַטן פֿון גלאָבוס טרעט באַשעוויס אַרויס קעגן דעם מײַסטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער פּראָזע, דוד בערגעלסאָן, דערפֿאַר וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן קונסט דעם קאָמוניסטישן רוצח, און אויף די זײַטן פֿון גלאָבוס דרוקט ער אין המשכים זײַן מײַסטערווערק דער שׂטן אין גאָרײַ.

גאָרײַ, דאָס פּוילישע שטעטל ניט פֿון הײַנט נאָר פֿון אײַערנעכטן, פֿון די צײַטן פֿונעם פֿאַלשן משיח שבתי צבֿי, ווערט באַשעוויסעס לאַבאָראַטאָריע, ווו ער ברעכט די גרענעצן פֿונעם קינסטלערישן רעאַליזם און צעשטערט די געצן פֿון דער ייִדישער עבֿודה־זרה. אין אַ האַלב־אַרכאַיִשער שפּראַך און מיט האַלב־היסטאָרישע טיפּן, באַלעבט ער די פּסיכישע און פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק פֿונעם וועלט־ייִדנטום אין די צײַטן פֿון סטאַלין און היטלער. דער ראָמאַן ווערט פּרעמירט פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב און גייט אַרויס מיט אַ התלהבֿותדיקער הקדמה פֿון אַהרן צייטלין אין 1935.

אין זכות פֿון דעם ראָמאַן באַקומט יצחק באַשעוויס אַ שיפֿסקאַרטע קיין אַמעריקע. אַב קאַהאַן באַט אים אָן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין פֿאָרווערטס. און דאָ הייבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל אין באַשעוויסעס לעבן, ווי אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע בכלל, ווײַל כּידוע קומט אַ קריזיס פֿון קנאַפּע אַכט יאָר אין באַשעוויסעס קאַריערע, ווען אַחוץ שונדראָמאַנען און שונד־אַרטיקלען געדרוקט אונטער פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען אין פֿאָרווערטס, הערט ער כּמעט אויף צו שאַפֿן.

פֿאַר זיך האָט אָבער באַשעוויס געצויגן אַ שטרענגן סך־הכּל פֿון דעם, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָר וואָס אויפֿגעטאָן אין פּוילן און פֿון דעם, וואָס ייִדיש אין אַמעריקע שטעלט מיט זיך פֿאָר אויף להבא. אין 1943, צו זײַנע 39 יאָר, טרעט באַשעוויס אַרויס מיט צוויי אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע עסייען־מאַניפֿעסטן און מיט אַ צווייטער, אַמעריקאַנער אויפֿלאַגע פֿון דער שׂטן אין גאָרײַ, ווו עס דרוקן זיך נײַע דערציילונגען פֿון דער סעריע, "דאָס געדענקבוך פֿון יצר־הרע".

## דער ווענדפּונקט פֿון 43סטן יאָר

אויגוסט 1943 גיט די צוקונפֿט אַרויס אַ ספּעציעלן נומער וועגן דעם חורבן פֿון פּוילישן ייִדנטום. באַשעוויסעס צושטײַער צום נומער איז אַ פּרטימדיקער עסיי, ווו אין גאַנצן אָן סענטימענט, גיט ער זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן דעם באַנקראָט פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור אין פּוילן. "זי איז געווען געטלעך אָן אַ גאָט און וועלטלעך אָן אַ וועלט" (ז' 471). די גאַנצע אײַראָפּעיִשקייט, מישטיינס געזאָגט, פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ איז באַשטאַנען בלויז פֿון אויסערלעכער פֿאָרעם און פֿרעמדע אידעאָלאָגיעס. ווען ביידע האָבן אָנגעזעצט האָט דער מאָדערנער ייִדישער שרײַבער זיך געמוזט אומקערן צוריק, צום "באַגריפֿן און ווערטער־שאַץ פֿון דער ייִדישקייט אין וועלכער ער האָט מער נישט געגלייבט" (דאָרט).

ווי קורצזעיִק און קליינלעך עס איז באַשעוויסעס ליטעראַרישער אָפּשאַץ פֿון דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור, בפֿרט פֿון איר פּאָעזיע, אַזוי ווײַטזעיִק און קלאָר איז

גענוען זײַן אידעיִשער קוק. דער פֿיזישער חורבן פֿונעם פּויליש־ייִדישן צענטער האָט פֿאַקטיש באַשטעטיקט זײַן פֿריִערדיקן פּסק־דין וועגן דעם גײַסטיקן בראָך פֿון אַלע דורות פּוילישע ייִדן — די פֿרומע, און דערעיקרשט די פֿרײַע. וואָס בעסער דער שרײַבער, לויט באַשעוויסן, אַלץ קלאָרער האָט ער אַליין פֿאָרויסגעזען דעם אומקום. בעת אָבער אַהרן צייטלין, אויך אַ צופֿעליקער פּליט אין ניו־יאָרק, האָט זיך קיין מאָל ניט באַפֿרײַט פֿונעם חורבן־קאָשמאַר, האָט דער חורבן גופֿא באַפֿרײַט באַשעוויסן פֿונעם ייִדישן הווה מיט זײַנע הבֿל־הבֿלים.

באַשעוויס האָט האַרבע טענות צו זײַנע פֿאַרשטאָרבענע און פֿאַרשניטענע קאָלעגן־שרײַבערס אין פּוילן. די שטרענגסטע מוסר־רייד לאָזט ער אָבער איבער פֿאַר די "פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פּראָזע אין אַמעריקע". קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אין נאָמען פֿון דער סבֿיבֿה, ווו דער עסיי־מאַניפֿעסט האָט זיך געדרוקט, קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פֿון באַשעוויסעס מיינונגען וועגן ייִדיש אין אַמעריקע. זײַן אַפּיקורסות איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט אײַנגעזען אַז ייִדיש־וועלטלעכקייט וועט ניט האָבן קיין קיום, און אַז דאָס רובֿ פֿאָלק לעבט זיך ניט אויס אויף ייִדיש, סײַדן אין אַ וווּלגאַריזירטער שפּראַך, וואָס קיין שום שרײַבער קען זי ניט נעמען אויף דער פּען. דערפֿאַר איז דער ייִדישער פּראָזאַיִקער, וואָס וויל דווקא שרײַבן וועגן דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, געבליבן אָן אַ שפּראַך. "די אַלטע באַחנטע ווערטער האָבן צו פֿיל טראַדיציע; די נײַע זײַנען עפּעס פֿרעמד און ביליק און פּאַסן זיך נישט צום רומל" (ז'7).

סע בלײַבט נאָר איין אויסוועג: צוריק צום אַמאָל, צו אַ פֿאַרגאַנגענער וועלט ווו ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר האָבן אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר זיך באַניצט מיט ייִדיש. אַנשטאָט צו שעפּן אינספּיראַציע פֿונעם אַסימילירטן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, וועט דער ייִדישער שרײַבער "אַלץ מער מוזן שעפּן מאַטעריאַל פֿון ספֿרים". דאָס הייסט אָבער ניט אַז ער מוז זיך אומקערן צום אַמאָל נאַיִוו און סענטימענטאַל. אָ, ניין. דער ייִדישער פּראָזאַיִקער מוז אָנווענדן זײַן גאַנצן מאָדערנעם באַגאַזש, דעם פּסיכאָאַנאַליז אַרײַנגערעכנט, צו באַנעמען קינסטלעריש דאָס פֿאַרצײַטישע ייִדישע לעבן. ער מוז, מיט אַנדערע ווערטער, קינסטלעריש פֿאַרראַטן דעם הײַנט אין נאָמען פֿונעם אַמאָל, און דעם אַמאָל אין נאָמען פֿונעם הײַנט.

אַזוי אַרום האָט יצחק באַשעוויס דורכגעמאַכט אַ טיפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן און פּסיכישן קריזיס נאָך זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע. ער האָט באַשײַמפּערלעך געזען דעם באַנקראָט פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס — אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אין פּוילן, און אין אַמעריקע — און ער האָט קלאָר דערהערט דעם באַנקראָט פֿון ייִדיש אַליין, נאָך לאַנג איידער ער האָט גענומען שפּאַצירן אויף קאָלינס־עוועניו אין מיאַמי ביטש. און דווקא פֿון דעם פֿילפֿאַכיקן קריזיס איז ער אַרויס מיט אַ באַוווּסטזיניקן קינסטלערישן אני־מאמין. "מיר גלויבן, אַז... די ייִדישע צוגעבונדנקייט צום עבֿר גייט צוזאַמען מיט גרויסער פּראָגרעסיוויטעט", — האָט ער פֿאַרענדיקט זײַן מאַניפֿעסט אין דער סבֿיבֿה, — "ווײַל די געשיכטע פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק איז די געשיכטע פֿון אַ פּערמאַנענטער רעוואָלוציע אַקעגן די כּוחות פֿון פֿינצטערניש" (ז' 13).

## דער קינסטלערישער תּיקון

וואָס קען בעסער דראַמאַטיזירן אָט די "פּערמאַנענטע רעוואָלוציע אַקעגן די כּוחות

פֿון פֿינצטערניש״ איידער צו לאָזן דעם יצר־הרע אַליין דערציילן די מעשׂה? און ווער, נאָך אַלעמען, קען זיך בעסער אויס אויף די וועגן און אומוועגן פֿון תּאווה און עבֿודה־זרה איידער דער שׂר פֿון פֿינצטערניש אַליין? און ווער קען אַזוי גוט דערציילן ווי אַ ייִדישער שד, וואָס ער לעבט אי אויף דער־וועלט, אי אויף יענער, האָט געלערנט אין דער ישיבֿה־של־מעלה און איז אַ בקי אין דער מענטשלעכער נאַטור נאָך לאַנגע יאָרן פּראַקטיק? אַזוי הייבט זיך אָן ״דער רואה ואינו נראה״, אין דער סעריע דאָס געדענקבוך פֿון יצר־הרע (1943; צו ערשט אין סבֿיבֿה):

> ס׳ווערט געזאָגט, דאָס איך, דער יצר־הרע, נידער אַראָפּ אויף דער ערד און רעד אָן צו זינד; דערנאָך גיי איך אויף אין הימל און בין מקטרג. דער אמת איז, אַז איך בין אויך דער יעניקער, וואָס גיב דעם זינדיקן די ערשטע שמיץ, אָבער איך טו דאָס אַלע מאָל מיט אַ שפּיצל, ס׳זאָל כּלומרשט אויסזען ווי אַ דרך־הטבֿע, אַזוי אַז די אַנדערע פּושעים זאָלן זיך נישט אַראָפּנעמען קיין מוסר, נאָר ווײַטער זינקען אין שאול־תּחתּיה.

(גימפּל תּם און אַנדערע דערציילונגען, ז׳ 206)

באַשעוויסעס יצר־הרע האָט אַ לאַנגן ייִחוס־בריוו וואָס ציט זיך אַזש צוריק צו געטעס פֿאַוסט, ווו דאָס פֿאַרכאַפּנדיקע געשטאַלט איז ניט ד״ר פֿאַוסטוס און זיכער ניט גרעטכען, נאָר טאַקע מעפֿיסטאָ, דער טײַוול אַליין. דער שׂטן, פֿון זינט די ראָמאַנטיקערס, איז דער מײַסטער־רעדנער און דענקער, דער אינטעלעקטואַל פֿאַר עקסעלאַנס. נאָר דער מוסר־השׂכּל וואָס סע ברענגט באַשעוויסעס יצר־הרע איז דער סאַמע היפּוך פֿונעם ראָמאַנטיזם. באַשעוויס איז גאָרניט אויסן צו באַזינגען דעם יחיד און זײַן קולט פֿון דערפֿאַרונג. לא די וואָס באַשעוויסעס העלד, ר׳ נתן יוזעפֿאָווער, טוט ניט תּשובֿה פֿאַרן טויט, דערפֿאַר וואָס ער האָט געלאָזט זיך פֿאַרפֿירן פֿון זײַן דינסטמויד שפֿרה־צירל און האָט דערנאָך ווידער געלעבט מיט זײַן פֿרוי, די גרושה, רויזע־טעמערל. דער ״אמת״ וואָס ער זעט אויפֿן ראַנד פֿון טויט איז דערצו אַ גראָטעסק, אַ חילול־השם, אַ פֿאַראָדיע פֿונעם אמת. סע בלײַבט די תּאווה אַליין, די דעמאָנישע ליבע, וואָס באַגלייט אים אין קבֿר אַרײַן.

דערפֿאַר וואָס דער יצר־הרע טוט זײַן אַרבעט ״אַלע מאָל מיט אַ שפּיצל, ס׳זאָל כּלומרשט אויסזען ווי אַ דרך־הטבֿע״, מיינט דער מענטש אַז זײַן טוונג שטייט אונטערן צייכן פֿון פֿרײַען ווילן. דאָרט ווו דער יצר־הרע געוועלטיקט, איז אָבער ניט שייך צו רעדן וועגן מענטשלעכן אויסקלײַב, ווויקס, אָדער וויסן. ניטאָ קיין מענטשלעכע מידה, וואָס זאָל ניט ווערן פֿאַרקריפּלט: דערבאַרעמדיקייט, קלוגשאַפֿט און שיינקייט. דווקא ווען דער מענטש הייבט אָנעט צו טראַכטן, צו זוכן אַ תּירוץ, אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף זײַן אייגענער תּאווה, מישט זיך דער יצר־הרע דעמאָלט אַרײַן. דווקא דער דיאַלאָג, צווישן יצר־טובֿ און יצר־הרע, ווו ביידע צדדים ברענגען ראיות פֿון דער תּורה, דווקא דער אינעווייניקסטער פּילפּול איז די נעץ, וואָס דער טײַוול האָט אָנגעגרייט פֿאַרן מענטשן.

דעם יצר־הרעס גײַסטיקער קוואַטער איז ניט פֿאַוסט נאָר פֿרויד. ווערדליק דער

פֿרוידיאַנישער שיטה, שפּילט דער יצר־הרע די טאָפּלטע ראָלע פֿונעם עס, וואָס "רעדט אָן צו זינד" און דעם איבעראיך, וואָס גייט דערנאָך אין הימל אויף "און איז מקטרג". ("פֿרויד שמויד" וועט IBS שפּעטער זאָגן און וועט לייקענען שטיין און ביין אַז ער האָט ווען אַרייַנגעקוקט אין זייַנע ווערק.) פּונקט ווי אין פֿרוידס קאַבינעט קומען נאָר ערנצטע חולאָים, אַזוי דערקוויקט זיך דער יצר־הרע נאָר מיט אַזעלכע געשטאַלטן וואָס האָבן אַ שטאַרקע נטיה צו זינד. זיי ווערן עס שפּעטער פֿאַרצייכנט אין זייַן "געדענקבוך". אַ ייִד און אַ ייִדענע וואָס גיבן זיך אָפּ מיט עולם־הזה זענען ראָוי צו ווערן געשטרויכלט, פּונקט ווי אַ פּרוש אָן האָר, מיט אַ נאַקעטן שפּיציקן שיידל, מיט אַ רויטלעך פּנים, אַן אויסגעשפּיצטן קין, אַ שווייסיקן שטערן, אַ קרומער נאָז, און ווייַבערישע הענט און פֿיס, איז כּמעט אימון פֿונעם יצר־הרעס ווירוס. אַזוי צי אַזוי זינקט דער איך אין שאול־תּחתּית און "די אַנדערע פּושעים נעמען זיך נישט אַראָפּ קיין מוסר", ווייַל יעדער יחיד מוז פֿאַלן אַ קרבן פֿון זייַן אינדיווידועלער תּאווה.

מאַכטיק איז בלויז דער יצר־הרע, ווייַל בלויז ער אַליין ווייסט דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס, געזונט און קרענק. מיט איין טאַפּ אין דופּק, דערקענט ער שוין ווער עס שפּילט אַ שפּיל פֿאַרן טייַוול. "דער ייִד האָט אַלע יאָרן עוסק געווען אין דער מיצווה פֿון ושמרתּם את נפֿשותיכם", — שרייַבט ער וועגן נתן יוזעפֿאָווער, "דהייַנו: ער האָט געגעסן, געטרונקען און זיך געלאָזט ווילגיין". רויזע־טעמערל, "די אישה אַליין האָט אויך נישט געלייגט הינטערן אויער... מאַן־און־ווייַב האָבן, אַ פּנים, געהאַלטן אַז קייַען איז נישט הבֿל". און ווייַל

די נאַכט איז אַזוי לאַנג ווי ס'ייִדישע גלות, האָבן מאַן־און־ווייַב אָפּגעריכט חצות. דהייַנו, זיי זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון געלעגער און דערקוויקט די געמיטער מיט אַ פּופּיקל, אַ לעבערל, אַ קאַפּ אייַנגעמאַכטס און פֿאַרטרונקען מיט אַ שלוק באָרשט אָדער עפּלקוואַס. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט אין די הימלבעטן, און געחלומט פֿון דער מאָרגנדיקער גריץ... (גימפּל תּם און אַנדערע דערציילונגען, ז' 207)

די פֿאַראָדישע שפּראַך, פֿול מיט פּסוקים און פֿאַרהייליקטע באַגריפֿן, גראָבט אונטער דעם אָנשטעל פֿון די צוויי עולם־הזהניקעס, לאַנג איידער זיי באַגראָבן זיך אַליין. די מעשׂה פֿונעם רואה ואינו נראה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן! נאָך מער באַווייַזט דער היפּער־אידיאָמאַטישער סטיל, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ יודע־ספֿר, אַ כיטראַק, און אַ שפּראַכמייַסטער. באַשעוויסעס יצר־הרע איז אַ מענדעלע, אַ טבֿיה, און אַ ביאַלער חסיד אין איין געשטאַלט.

דער יצר־הרע וואָס האָט שוין "אַלץ געזאַן און אַלץ געטאַן", האָט שוין אַלץ געלייענט, ניט נאָר פֿון די אַלטע ספֿרים, נאָר פֿון די נייַערע מעשׂה־ביכלעך אויך. די מעשׂה מיטן ייִדישן פּויפּס, אַ שטייגער, איז פֿאַר אים אַ מעשׂה מיט אַ באָרד, זאָל זי שטיין אינעם מיטל־עלטערישן מעשׂה־בוך, אָדער אין אייַזיק־מאיר דיקס ר' שמעון באַרבון דער ראַבינער פֿון מאַינץ אָדער דער דרייַפּאַכער טרוים. דאָ הייסט דער העלד

ר׳ זיידל כּהן און ער קערט זיך גיכער אָן מיט אַ מאָדערנעם פּאַראָדישן געשטאַלט — פּרצעס ״מאָניש״. ״צו אַ יאָר פֿינף־ זעקס־און־דרײַסיק״, — שרײַבט דער יצר־הרע, — איז ר׳ זיידל געווען ״אַזוי אַ קענער, אַז ס׳איז נישט געווען זײַנס גלײַכן אין גאַנץ מדינת פּוילן״. דער געניטער לייענער דאַרף זיך איצטער כאַפּן פֿאַר וואָס ר׳ זיידל ווערט פֿריִער באַשריבן ווי ״אַ סריס, אַ טומטום, אָדער אַן אַנדרוגינוס״. ווי באַלד פּרצעס העלד איז אַ יונג מיט ביינער, דאַרף באַשעוויסעס העלד זײַן סאַמע הויט און ביין. דער יצר־הרע וואָס לעבט זיך אויס אויף יִידיש, לאַכט זיך אויס פֿון דער גאַנצער יִדישער ליטעראַטור.

דאָס אַליין איז ווייניק. דער יצר־הרע וואָס רעדט צו דעם תּלמיד־חכם זיידל רב סנדלס ער זאָל זיך שמדן אויף בענעדיקטוס יאַנאָווסקי, כּדי צו ווערן אַ פּויפּס, דער זעלביקער יצר־הרע קען זיך דערלויבן צו פּאַראָדירן אַפֿילו דאָס קריסטנטום:

> פֿאַר איין וועגס האָט זיידל זיך פֿאַרנומען צו געפֿינען נײַע ראַיות פֿון תּנך, אַז די נבֿיאים האָבן כּלומרשט פֿאָרויסגעזען ישוס קומען און זײַן מיתה־משונה און זײַן תּחית־המתים. ער האָט אויך געוואָלט אַרויסדרינגען דעם קריסטלעכן דת על־פּי חכמת־הלאָגיק, אַסטראָנאָמיע און חכמת־הטבֿע. זיידלס חיבור האָט געזאָלט ווערן, להבֿדיל, אַ גוייִשער יד־חזקה, אַ שריפֿט, וואָס זאָל זיידלען אַוועקטראָגן פֿון יאָנעוו גלײַך אין וואַטיקאַן. (דער שׂטן אין גאָרײַ, ז׳ 281)

אָבער:

> זיידל האָט אָנגעהויבן אײַנזען, אַז בײַ די ערלים איז גאָרנישט אַזוי ווויל. די גלחים האָבן מער אין זינען דאָס גאָלד ווי דעם אָפּגאָט. די פּריידיקער אין די בתּי־טומאה זענען פֿול מיט עם־הארצות. פּסוקים פֿון תּנך אין דעם ברית־חדשה ווערן געפֿעלשט און פֿאַרקריפּלט. פֿיל גלחים קאָנען נישט קיין וואָרט לאַטײַן. אויך זייער פּויליש לשון איז פֿול מיט גרײַזן. (דאָרט, ז׳ 282)

צווישן דעם ערשטן און צווייטן ציטאַט קומט פֿאָר אַן איבערבראָך אין זיידלס נײַער אמונה. פֿאַרן דערציילער איז אָבער אַלץ איינס. ער בלײַבט געטרײַ די ווערטער און ווערטן פֿון יִדישן גלויבן. פֿאַר אים זענען אַלע קריסטן ״ערלים״, זייערע קלויסטערס זענען ״בתּי־טומאה״, ישוס קרייציקונג איז אַ ״מיתה־משונה״ און זייער גאָט איז אַן ״אָפּגאָט״. דער ״להבֿדיל״ צווישן זיידלס חיבור און דעם רמב״מס יד־חזקה, זאָגט עדות אַז בײַם יצר־הרע איז קיין ספֿק ניט וועמענס אמונה איז אַ ריכטיקע, אַ באַגלייבטע. זיידלס גאַנצער שקלא־וטריא שטייט אויף די זעלבע הינערישע פֿיסלעך, ווי דער קלויסטער בפּרט און דער קריסטלעכער גלויבן בכלל.

ווי אין ״דער רואה ואינו נראה״ ענדיקט זיך ״זײַדלוס דער ערשטער״ מיט אַ

מוראדיק גראָטעסקער סצענע פֿון טויט, ווו דער העלד, איצט שוין בלינד און אַ בעטלער דערצו, האָט פֿאַרלוירן ביידע וועלטן:

> פלוצלינג האָב איך, דער יצר־הרע, זיך צו אים באַוויזן. ער האָט מיך דערזען בלינדערהייט. זיידל, האָב איך געזאָגט, זײַ גרייט. די לעצטע שעה איז געקומען. דאָס ביסטו? — האָט זיידל אויסגערופֿן מיט פֿרייד — דער מלאך־המוות? דער שׂטן? יאָ זיידל, האָב איך געענטפֿערט. איך בין געקומען נאָך דיר. פּרוּוו נישט טון קיין תּשובֿה אָדער זאָגן ווידוי, ווײַל ס'וועט דיר סײַ ווי סײַ נישט העלפֿן. ווּהין נעמסטו מיך? — האָט ער געפֿרעגט. גלײַך אין גיהנום אַרײַן. אויב ס'איז דאָ אַ גיהנום, איז דאָך דאָ אַ גאָט אויך! — האָט זיידל געזאָגט מיט ציטערנדיקע ליפּן. ס'איז קיין ראַיה נישט — האָב איך דערווידערט. ס'איז יאָ אַ ראַיה! — האָט ער געענטפֿערט. — אויב אַ גיהנום איז דאָ, איז אַלץ דאָ. און אויב דו ביסט דאָ, איז ער אויך דאָ. איצט נעם מיך ווו דו דאַרפֿסט. איך בין אָנגעברייט!... (ז' 287)

איז זיידל אַ באַגלייבטער עדות? בלינדערהייט און אָפּגעריסן פֿון אַ קייט איז ער נאָך מער סוביעקטיוו ווי נתן יוזעפֿאָווער אין דער פֿריִערדיקער מעשׂה. אויפֿן וואָגשאָל פֿון גוטס און שלעכטס, שטעלט זיידל מיט זיך פֿאָר אַ גרעסערע סכּנה נאָך ווי דער עולם־הזהניק, ווײַל זיידל האָט געוואָלט זײַן "פּרימער פֿאַרן פּויפּס" בפּועל־ממש, און דאָרט ווו "זייער גאָט איז אַ מענטש, קען בײַ זיי אַ מענטש זײַן אַ גאָט" (ז' 277). די זיידלס פֿון נעכטן זענען די קאָמיסאַרן פֿון הײַנט, זענען די קאַרפּנקעפּ פֿון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. באַשעוויס שיקט זיי אַלעמען אַוועק צום טײַוול.

זיידל איז אָבער פֿאָרט אַן אינטעלעקטואַל, און נאָך דעם ווי ער זעט אײַן די פֿאַלשקייט פֿון קריסטלעכן דת, שווימען אויף פֿאַר אים די בלײַביקסטע פֿראַגעס פֿון מענטשלעכער עקסיסטענץ: "איז דאָ אַ מנהיג, אָדער אַלץ איז חומרדיק און הפֿקר?... איז עפּעס פֿאַראַן, אָדער דער גאַנצער יש איז אייטל דמיון?" (זז' 85־284). זייער אַ סך (מע מעג אַפֿילו זאָגן: צו פֿיל) פֿון באַשעוויסעס מעשׂיות ענדיקן זיך מיט אַזעלכע אָדער ענלעכע מעטאַפֿיזישע קשיות, און דאָס האָט זיכער באַווירגן זײַן קער פֿון רעאַליזם צו מעשׂהנען. אויף אַ מעשׂה "פֿרעגט מען ניט קיין קשיות". אין אַ מעשׂה מעג אַ ישיבֿה־בחור ווערן אַ פּויפּס און אין אַ מעשׂה קען דער גיהנום זיך אַנטפּלעקן אַפֿילו פֿאַר זײַנע בלינדע אויגן.

אין יאָר 1943 איז דאָס מענטשלעכע רישעות אַריבער אַלע גרענעצן. אויב די מענטשלעכע עקסיסטענץ זאָל בכלל האָבן אַ קיום, מוז ערגעץ זײַן אַ מעטאַפֿיזישער קעגן־כּוח, מעג ער הייסן "גאָט" צי עפּעס אַנדערש. זיידל אַליין איז אפֿשר ניט קיין באַגלייבטער עדות, אָבער דער יצר־הרע איז גאָר איבערצײַגעוודיק, ווי אויך זײַן ביטול־באַציִונג צום קריסטנטום, וואָס פֿירט לעצטנס אַדורך אַ מאַסנמאָרד אויפֿן עם־הספֿר. דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז די פּראָבלעמאַטיק פֿון גוטס און שלעכטס, גאָט און גיהנום קען מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. פֿון זינט ר' נחמן בראַסלאַווער

האָט גענומען זײַן חכם, אין דער "מעשׂה מחכם ותּם" (1809), און אים געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיטן שׂטן, האָט קיין ייִדישער דערציילער ניט אויסגעמאָלט די קעגנדיקע פּאָלוסן פֿון ייִאוש און גלויבן אַזוי שאַרף ווי יצחק באַשעוויס.

אויף ענגליש, צום באַדויערן, ווערט באַשעוויסעס אַנטיקריסטלעכע פּאָלעמיק היפּש פֿאַרמילדערט. אויף ענגליש קומט גאָר אויס, אַז דער יצר־הרע איז שטאַרק באַהאַוונט אין... קריסטלעכקייט! ניט נאָר ווערט די גאַנצע גנאַי־שפּראַך נייטראַליזירט אויף ענגליש — ניטאָ קיין ערלים, קיין מיתה־משונה, קיין בתּי־טומאה — נאָר אַנשטאָט נייטראַלע טערמינען אויף ייִדיש, ניצט ער געוויע קריסטלעכע אויסדרוקן אויף ענגליש. "אַ שנור פּאַטשערקעס" ווערט a rosary. "געוווינט האָט ער... בײַם גלח" ווערט he lived in the priest's rectory. "ער האָט אויך מער נישט געוואָלט זיך בוקן צום יויזל" ווערט Nor was he inclined to kneel before an altar. ווי באַלד ענגליש איז אַ קריסטלעכע שפּראַך, האָבן די איבערזעצערס, מן־הסתּם אומוויסיקערהייט, אויסגעניצט די טערמינאָלאָגיע וואָס איטלעכן ענגליש־רעדער איז באַקאַנט. דאָס באַזײַטיקן גנאַי־אויסדרוקן קומט אָבער מן־הסתּם פֿון באַשעוויסעס אייגענעם באַשלוס. אַפֿילו אין "גימפּל תּם" (1944), וואָס האָט לכאורה מיט קריסטן גאָרניט צו טאָן, פֿעלט אין סאָל בעלאָס געניאַלער איבערזעצונג דער איין־און־איינציקער זאַץ: "אָט זאָגט מען דאָך, אַ ס'יויזל האָט אין גאַנצן קיין טאָטן נישט געהאַט" (דער שפּיגל, ז' 38). ווײַזט אויס אַז באַשעוויסעס צוגאַנג צו די גויים האָט זיך אַליין געביטן צווישן די מיט־פֿערציקער יאָרן און מיט־פֿופֿציקער, ווען מ'האָט ערנסט גענומען אַרויסגעבן זײַנע ווערק אויף ענגליש. אי זײַן שׂינאה צו די גויים האָט זיך פֿאַרקלענערט, אי די גוייִשע וועלט האָט במשך פֿון זײַנע צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע זיך פֿאַרגרעסערט. אַזוי אַרום געהערן "זײַדלוס דער ערשטער" און Zeidlus the Pope צו צוויי פֿאַרשיידענע קולטורן. ס'ערשטע ווערט דערציילט פֿון אַ תּלמיד־חכם, וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך ייִדישע ווערטן און ווערטלעך. ער אַליין קען נאָך פֿונאַנדערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס, גלויבן און עבֿודה־זרה. ס'צווייטע ווערט דערציילט פֿון אַ מער־אויפֿגעקלערטן פֿאַרשוין, אַ שטיקל רעלאַטיוויסט אָדער אַלצאיינסניק, וואָס רעדט מיט אַ האַלבן מויל. שוין אָפּגערעדט אַז דער ענגלישער יצר־הרע ווייסט ניט צו דערציילן פֿון י.ל. פּרץ, פֿון אײַזיק־מאיר דיק, אָדער פֿון נחמן בראַסלאַווער.

## דער שד, דער בדחן, דער פּאַראָדיסט

וואָס זעלבשטענדיקער עס פֿילט זיך באַשעוויס אַליין, אַלץ קליגער, שפּילעוודיקער און אַלמעכטיקער ווערן זײַנע שדים. בעת אינעם "געדענקבוך פֿון יצר־הרע" באַווײַזט זיך דער יצר־הרע נאָר אין דיאַלאָגן מיט זײַנע העלדן־קרבנות, דאָס הייסט אויף אויסצושטאַלטיקן זייער פּסיכישן געראַנגל, ווערט ער שפּעטער דער אַלצוויסיקער נאַראַטאָר און מאָנאָלאָגיסט. בעת אין די פֿריִע דעמאָנישע מעשׂיות פֿירט באַשעוויס נאָך אַלץ אַ קאַמף מיט זײַנע אייגענע דיבוקים, דערלויבט ער זיך שפּעטער צו פּאַראָדירן זיך אַליין.

די צוויי הויפּט־דיבוקים פֿון די 40ער און 50ער יאָרן זענען י.ל. פּרץ און שלום אַש, ווי די פֿאָרשטייערס פֿונעם ייִדישן "אידעאַליזם" (לויט י.י. טרונקס פֿאָרמולירונג),

פֿונעם וועלטלעכן הומאַניזם, מיטן גלויבן אין פּראָגרעס און אינעם יחיד. שוין אין 1933 האָט באַשעוויס זיך פֿאַרמאָסטן קעגן שלום אַש מיטן אָנשרײַבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן גזירות־ת״ח ות״ט. דער שׂטן אין גאָרײַ איז באַשעוויסעס ענטפֿער אויף קידוש־השם. מעג אַש ״פֿאַרקויפֿן בטחון״ ווי ביליק ער וויל נאָר. באַשעוויס מאָלט אויס די זעלביקע תּקופֿה מיט בולט־אַפּאָקאַליפּטישע פֿאַרבן.

נאָך שאַרפֿער גיט ער אַשן אָפּ אַ פּאַרציע אין ״דער חורבן פֿון קרעשעוו״ (1943). די צילברעט איז דאָ אַוודאי אַשס באַרימטע נאָוועלע ״דאָס קוילער געסל״. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם און אין לאַנגע, עפּישע זאַצן, באַשרײַבט אַש דאָס דרײַעקיק שטיק לאַנד, וווּ עס גייען אַרײַן די שטעט קוטנע, זשאָכלין, גאָסטענין, גאָמבין און נאָך אייניקע קליינע שטעטלעך. ״דאָס שטיק לאַנד... איז פּראָסט און אייגנאַרטיק, ווי דער פּויער, וואָס וווינט אין אים״. בעת די אַרומיקע געגנטן זענען רײַך אין פֿאָלקלאָר, אין פֿאַרבן און מוזיק, איז אַש אויסן צו באַזינגען דעם פּראָסט־פּשוטן פּויער מיט זײַנע פּראָסט־פּשוטע פֿערד, מיט די אָרטיקע ייִדן וואָס האָבן אין זיך ״מער פֿעלדגעשמאַק און עפּל־געשמאַק ווי בית־מדרש און מיקווה״. גאַנץ אַנדערש קוקט ״דער יצר־הרע, דער שׂטן, דער נחש הקדמוני״ אויף דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט. ״די פּויערים אין די דערפֿער אַרום [קרעשעוו] זענען אָרעמער און פֿאַרגרעבטער פֿון אַלע גויים אין לובלינער געגנט... אום די גויים זאָלן זיך נישט קענען אַרויסראַטעווען פֿון זייער עלנט, האָב איך [דער יצר־הרע] אין זיי אײַנגעפֿלאַנצט אַ סך פֿרומקייט, אָדער קרומקייט״ (דער שׂטן אין גאָרײַ, ז׳ 194). יאָ, אין קרעשעוו טיילן זיך ייִדן און גויים מיט דער זעלבער ירושה: שיקסעס שלאָפֿן בײַ נאַכט מיט די שטאָטישע אויפֿקויפֿער און ״צווישן די פֿלאַקסן־קעפּיקע שקצימלעך און שיקסלעך״ טרעפֿט מען צו מאָל ״שוואַרצאויגיקע שרעטלעך מיט געקרײַזלטע האָר און געבויגענע נעז״ (דאָרט). אַפֿילו דער סיפּור־המעשׂה איז אַן אָפּענע פּאַראָדיע פֿון ״דאָס קוילער געסל״. לייבל שמײַסער, וואָס ער באַשלאָפֿט די העלדין ליסע, איז אַ געגוויע קאָפּיע פֿון נטע זשאָכלינער: ביידע טרײַבן טויבן און לויפֿן אַרום מיט שיקסעס. נטע דער בעל־גוף מיט זײַנע געזונטע, גוייִשע תּאוות דערפֿירט צו אַ פּאָגראָם אין שטאָט, וואָס ווערט ניט אײַנגעשטילט ביז ער און זײַנע טויבן ווערן מקריבֿ. אין קרעשעוו, להיפּוך, וואַקסט די תּאווה אַרויס דווקא פֿון גײַסטיקן צענטער, פֿון שלמהלע דעם תּלמיד־חכם. און ווײַל זײַן תּאווה באַהאַלט זיך הינטער דער פֿאַלשער תּורה פֿון שבתי צבֿי, דערפֿירט זי צו ליסעס טויט און צום חורבן פֿון גאַנץ קרעשעוו.

מיט זײַנע פּאַראָדיעס באַווײַזט דער יצר־הרע ווי אײַנגעוואָרצלט ער איז אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. ווײַל אויפֿן גנבֿ ברענט דאָס היטל, און אַ היפּשן דערציילערישן רעפּערטואַר האָט ער געגנבֿעט טאַקע בײַ די קלאַסיקערס. וואָס באַקאַנטער די געגנבֿעטע מעשׂה, אַלץ שפּילעוודיקער ווערט באַשעוויסעס שד — ספּעציעל אין דער בלי־תּקופֿה פֿון זײַנע שדישע מעשׂיות און מאָנאָלאָגן, אין די יאָרן 1956־1962. אַזוי, למשל, איז ״דער שפּיגל״ (1956) אַ פּאַראָדיע פֿון פּרצעס ״די תּאווה צו קליידער״, בעת ״מעשׂה טישעוויץ״ (1959), רופֿט זיך איבער מיט פּרצעס ״דער כעלעמער מלמד״.

וואָס אַ מאָל מער ווערט דער שד אַ ממלא־מקום פֿאַרן קינסטלער אַליין, איצט שוין אין גאַנצן אַ באַפֿרײַטער פֿונעם שטרענגן רעאַליזם. ער קען שוועבן אין די עולמות, לעבן אי אויף דער־וועלט, אי אויף יענער, געוועלטיקן איבער צײַט און רוים, ועל־כּולם,

איבערן ווײַבערישן מין. צירל, די העלדין פֿון "דער שפּיגל", מוז טאָן זײַן פֿאַרלאַנג. אין מאָמענט ווען זי הייבט נאָר אָן זיך שפּיגלען אַ נאַקעטע, פֿאַרטאָן בלויז אין זיך און איר שיינקייט, איז זי אַ פֿאַרשפּילטע. בפֿרט אַז דער שד רעדט שוין איצטער אין גראַמען און מיט ריטמישע שפּראָכן. ווען ער רעדט, רעדט ער ווי אַ גועניאַלער בדחן.

אַ בדחן מעג זיך וויצלען אויפֿן אייגענעם חשבון אויך. "אַליין" (1960), ווו דער אויטאָביאָגראַפֿישער העלד פֿאַרפּלאָנטערט אַלע זײַנע פֿאַרלאַנגען, איז אַ פֿײַנע פּאַראָדיע פֿון באַשעוויסן גופֿא, וואָס ער געפֿינט זיך שוין איצט אין מיאַמי־ביטש. אין דער ממש רירנדיקער מעשׂה "טײַבעלע און הורמיזאַ" (1962), קומט אַ בדחן מיטן נאָמען אלחנן, און פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ שד. מיט ווערטער, שפּראָכן און סטראַשידלעס, פֿאַרפֿירט ער אַן אשת־איש, וואָס זי האָט נאָר־וואָס פֿאָרגעלייענט אַ מעשׂה־ביכל וועגן שדים פֿאַר אירע חבֿרטעס. און תּוך שלא־לשמה, בא לשמה: זי פֿאַרליבט זיך אינעם "שד" וואָס קומט צו איר בלויז צוויי מאָל אַ וואָך. און ווען אלחנן־הורמיזאַ ווערט טויט־קראַנק איז זי פֿאַר אים מתפּלל: "ס׳זענען דאָ אַזוי פֿיל שדים, זאָל זײַן מיט איין שד מער..." (מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון, ז׳ 86).

יאָ, די סעקסשפּיל איז אַ שפּיל פֿאַרן טײַוול. יאָ, די גרענעץ צווישן שד און מענטש איז גאָר אַ דינע. און אַז שרײַבן גופֿא איז אַ דעמאָנישער אַקט, אַז יעדער גראַמען־מאַכער איז אַ שטיקל שד — דאָס איז מן־הסתּם באַשעוויסעס גרעסטע המצאָה. בפֿרט ווען ער שרײַבט אויף ייִדיש וועגן אַ ייִדישלאַנד, וואָס האָט שוין אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. אָט דאָס איז דער טשוואָק פֿון באַשעוויסעס גועניאַלסטן ווערק, "מעשׂה טישעוויץ" (1959).

פֿאַר וואָס טישעוויץ? ווײַל אינעם עסיי "אַרום דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן", האָט באַשעוויס באַטאָנט אַז "יעדעס שטעטל אין פּוילן, יעדעס ייִדיש געסל האָט געהאַט אייגנאַרטיקייט". דאָרט האָט ער פֿירגעוואָרפֿן די פּויליש־ייִדישע שרײַבערס, למאַי זיי האָבן פֿאַרזען אָט דעם רײַכן שאַפֿערישן קוואַל. אָט האָט אין טישעוויץ געלעבט און ס׳איז אומגעקומען משיח בן־יוסף (ז׳ 472). די טראַדיציע ווערט באַשטעטיקט פֿון טישעוויצער לאַנדסלײַט, סײַ בכתבֿ (אין פּנקס טישעוויץ), סײַ בעל־פּה (פֿון יעקבֿ זיפּער ז״ל). נאָך אַ פֿערטל יאָרהונדערט האָט באַשעוויס זיך אומגעקערט אין דער פֿאַנטאַזיע צום אמתן פּוילישן שטעטל טישעוויץ, כּדי אויסצוניצן די משיחישע טעמאַטיק.

פֿאַר וואָס "מעשׂה" טישעוויץ? ווײַל די פֿאָרמל טראָגט אויף ייִדיש אַ מאַרטיראָלאָגישע קאָנאָטאַציע, עלעהיי מעשׂה אומאַן. באַשעוויס וויל זיך אָפּרופֿן אויפֿן לעצטן חורבן אין ליכט פֿון דורות קידוש־השם.

פֿאַר וואָס אַ דעמאָנישער מאָנאָלאָג, אויב סע גייט דאָ אין אַזאַ וויכטיקן ענין, ווי גאולה און אומקום? דווקא דערפֿאַר, ווײַל די פֿראַגע אויפֿן סדר־היום איז שוין מער ניט די פֿראַגע פֿונעם מענטשנס פֿרײַען ווילן (ווי בײַ פּרצן), נאָר פֿון גאָטס (די פֿאָרמולירונג איז רות ווײַסעס, אין אַ ניט־געדרוקטן עסיי וועגן באַשעוויסן).

> איך אַ שד, זאָג עדות, אַז ס׳זענען מער נישטאָ קיין שדים. צו וואָס שדים, ווען דער מענטש אַליין איז איצט אַ שד? צו וואָס אָנרעדן צו שלעכטס ווען דער אָנגערעדטער איז סײַ ווי גרייט? איך בין אפֿשר דער לעצטער צווישן די נישט־גוטע. איך האַלט מיך אויף אויף אַ בוידעם אין טישעוויץ, צי חיונה

פֿון אַ מעשׂה־ביכל אויף יידיש־טײַטש, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַרוואַלגערט פֿון פֿאַרן חורבן. (דער שפּיגל, ז׳ 12)

אויב דער שד אַליין איז שוין פֿאַרמישפּט צו זיצן אויף איין אָרט, אָן אַ ברעקל אַרבעט, איז ער כאָטש פֿרײַ צו דערציילן פֿון אַ ״יודען־רײַנער״ וועלט, ווי זי וואָלט נאָך הײַנט עקסיסטירט, ווײַל בײַ אים ״שטייט די צײַט״. און אַ שד מעג זיך דערלויבן צו באַשרײַבן דאָס אַמאָליקע שטעטל אין גאַנצן אומסענטימענטאַל:

טישעוויץ איז אַ העק, ווו אָדם הראשון האָט נישט משתּין געווען. אַזוי קליין איז דאָס שטעטל, אַז ווען ס׳פֿאָרט אַרײַן אַ וואָגן, איז דער קאָפּ פֿון פֿערד אין מאַרק און די הינטערשטע ראָד בײַ דער ראָגאַטקע. די בלאָטע דויערט פֿון נאָך סוכּות ביז אַ שטיק נאָך שבֿועות. ווען די ציגן פֿון טישעוויץ קײַען דאָס שטרוי פֿון די דעכער, דאַרפֿן זיי נישט אונטערהייבן די בערדלעך. הינער זיצן אויף אייער אין מיטן גאַס. פֿייגל בויען נעסטן אין די ווײַבערשע קאָפּקעס. אין שנײַדערשן שולכל איז מען מצרף צום מנין דעם קהלשן באָק. (דאָרט)

טישעוויץ איז פֿאָרט אַ חשובֿ אָרט, אין זכות פֿון צוויי זאַכן: (1) אין אַ צײַט ווען ״מ׳וויל מער זינדיקן וויפֿל די כּוחות קלעקן, מ׳איז זיך מוסר־נפֿש פֿאַר אַ ברעקל עבֿירה״, איז אין טישעוויץ געבליבן איין צדיק, דער טישעוויצער רבֿ. אַפֿילו צוויי שדים קענען אים ניט בײַקומען. און (2) אין טישעוויץ האָט געלעבט איינער אַן אַבֿרהם־זלמן, וואָס האָט זיך אײַנגערעדט אַז ער איז משיח בן־יוסף. מ׳האָט געשטעלט אַן אוהל אויף זײַן קבֿר. ווי קליין און נישטיק דאָס שטעטל זאָל ניט זײַן, שטעלט עס מיט זיך פֿאָר צידקות און משיחיש גלויבן.

דער שדישער גערעם איז אינטערעסאַנטער ווי די מעשׂה גופֿא, ווײַל מ׳האָט זי שוין אומצייליקע מאָל דערציילט: אין די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, אין מעשׂה־בוך, אד״גל. דער צדיק דאַרף געפּרוווט ווערן נישט איין מאָל, נאָר דרײַ מאָל: ״ניאוף, געלט, גאווה. קענגן אַלע דרײַ איז קיינער נישט באַוואָרנט, מעג ער זײַן דער רבי ר׳ צאָץ״. צוויי מאָל איז דער טישעוויצער רבֿ טאַקע מנצח, און מיר דערוואַרטן דעם לעצטן מכריעדיקן פּרוּוו. די שבֿחים־מעשׂה פֿון פֿאַר צײַטנס ווערט אָבער אָפּגעהאַקט אין מיטן, ווײַל עס קומט אַ רשע, צען מאָל ערגער פֿאַרן גרויסשטאָטישן לובלינער שד. עס קומט דער דײַטש.

דער רבֿ איז אומגעקומען על קידוש־השם אַ פֿרײַטאָג חודש ניסן. די קהילה האָט מען אויסגעקוילעט, די ספֿרים פֿאַרברענט, ס׳בית־עולם געשענדט. דער ספֿר־יצירה איז צוריק בײַ דעם מנהיג־הבירה. אין באָד פֿליוסקען זיך יוונים. פֿון ר׳ אַבֿרהם־זלמנס אוהל האָט מען געמאַכט אַ חזיר־שטאַל. ס׳איז אויס יצר־הרע, אויס יצר־טובֿ, אויס עוונות, אויס נסיונות. דאָס דור איז שוין זיבן מאָל כּולו חייבֿ, נאָר משיח קומט נישט. צו וועמען זאָל ער קומען? אַז משיח איז נישט געקומען צו יידן, זענען יידן אַוועק צו משיחן. וויי, מ׳דאַרף

מער נישט קיין שדים! מ׳האָט אונדז אויך פּאַרטיליקט. איך בין געבליבן איינער, אַ פּליט. כ׳מעג שוין גיין ווו כ׳וויל, נאָר צו וועמען זאָל גיין אַ שד פֿון מײַן זגאַל? צו די רוצחים?... (ז׳ 21)

די באַחנטע פֿאָלקס־מעשׂה מיטן רבֿ, צי ער וועט זיך יאָ אָדער ניט אויסגליטשן, ווערט דאָ בטל בשישים. די גאַנצע סבֿיבֿה אַרום איז דאָך במילא אַ זינדיקע, איז וואָס שפּילט שוין אַ ראָלע דער טישעוויצער רבֿ? דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש — אינעם משיחישן גלויבן, וואָס האָט פֿאַרפֿירט אַ גאַנצע וועלט. פֿריִער נאָך האָבן די צוויי שדים געכאַפּט וועגן דעם אַ שמועס:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַנשיקעניש?

— השׂכּלה. אין די צוויי הונדערט יאָר וואָס דו סעקעסט דאָ האָט דער יצר־הרע פֿאַרקאָכט אַ פֿרישע קאַשע. ס׳זענען אויפֿגעקומען שרײַבער בײַ ייִדן, אויף לשון־קודש, אויף עבֿרי־טײַטש, און זיי האָבן איבערגענומען אונדזער מלאכה. מיר דאַרפֿן זיך רײַסן דעם האַלדז מיט יעדן חמור־אייזל באַזונדער, אָבער יענע דרוקן זייערע שמאָנצעס אין אַ סך קאָפּיעס און צעשיקן בכל־תּפֿוצות־ישׂראל. זיי קענען אַלע אונדזערע שטיק; שפּאָט איז שפּאָט און פֿרומקייט איז פֿרומקייט. זענען מטהר דעם שרץ בק״ן טעמים. ווילן נישט אַנדערש נאָר אויסלייזן די וועלט. (ז׳ 14)

מיט זײַן ווײַטן היסטאָרישן בליק זעט דער שד געננוי ווו דער הונט ליגט באַגראָבן. שולדיק איז דער מאָדערנער משיחישער גלויבן, די עבֿודה־זרה פֿון וועלטלעכקייט, פֿון פּראָגרעס. די פֿרײַדענקערס האָבן צעשטערט אַלע געטער, כּדי זיך אַליין צו מאַכן פֿאַר געצן. און ווי באַלד דער מענטש אַליין ווערט דער משיח, וועט ער סוף־כּל־סוף אויסלייזן די וועלט פֿון דער מענטשהייט אויך.

וואָס בלײַבט נאָך דעם ווי מע הרגעט אויס אַלע שדים און צדיקים אין איינעם? עס בלײַבן אַ פּאָר פֿאַרוואַלגערטע ביכלעך פֿון אַ מאָל. צו זײַנע 39 יאָר האָט באַשעוויס געשריבן אַז דער ייִדישער פּראָזאַיִקער מוז שעפּן אינספּיראַציע ניט דירעקט פֿון לעבן, נאָר אומדירעקט פֿון ספֿרים. צו זײַנע 55 יאָר זענען אַנשטאָט ספֿרים געבליבן (בירושה פֿון דער ״השׂכּלה״) בלויז אַלטע טריף־פּסולען, וואָס דער שד באַטראַכט זיי ווי ״קוגל מיט חזיר־שמאַלץ״.

אָבער די אותיות זענען פֿאָרט ייִדישע. דעם אַלף־בית האָבן זיי נישט געקאָנט צעטרענצלען. דערפֿון זויג איך. דערין טו איך מיך קלאַמערן. כ׳צייל די ווערטער, פֿלעכט גראַמען, טײַטש אַרײַן אין יעדן פּינטעלע פּיתום ורעמסס. אַלף אַן אָדלער, אַן אָדלער פֿליט; בית אַ בוים, אַ בוים בליט; גימל אַ גלח, אַ גלח קניט; (ז׳ 22)

ביז אַהער גייט דאָס באַקאַנטע קינדער־ציילעניש אַזוי ווי עס געדענקט זיך פֿון באַשעוויסעס קינדער־יאָרן. אַ געמיש פֿון הויך און נידעריק. און ווײַל עס געהערט צו די פֿריִע קינדער־יאָרן איז עס פֿרײַ פֿון די ליגנס און פֿאַלשקייטן וואָס קומען שפּעטער, אין די רײַפֿע, ״קינסטלערישע״ יאָרן. און אַז דער שד גריבלט זיך ווײַטער אין די אותיות

גיט ער שוין צו אַן אייגענעם פּירוש אויף די אותיות דלד ביז יוד:

> דלד אַ דאָרן, דער דאָרן ברענט; הא אַ הענקער, אַ הענקער הענגט; וואָוו אַ וועכטער, דער וועכטער שענקט; זיין אַ זעלנער, אַ זעלנער שיסט; חית אַ חזיר, אַ חזיר ניסט; טית אַ טויטער, אַ טויטער מתט; יוד אַ ייִד, אַ ייִד פֿאַרגעסט...

זאָל עס הייסן אַז דער וועכטער איז גאָט און אַז דאָס זיצט גאָט ערגעץ ווו אין אַ שענק און שיכּורט זיך אָן? איז דאָס אפֿשר די סיבה פֿאַר וואָס דער זעלנער שיסט, דער טויטער מתט און דער ייִד פֿאַרגעסט? צי גאָר פֿאַרקערט? אַז אַלע אומגליקן אויף דער וועלט נעמען זיך דערפֿון וואָס יוד אַ ייִד, אַ ייִד פֿאַרגעסט?

אַזוי צי אַזוי, טוט דער שד ניט פֿאַרגעסן. ווי פֿאַריתומט ער זאָל זיך ניט פֿילן, אין אַ וועלט ווו מע פֿאַרשטייט שוין ניט זיין שפּראַך, קען ער זיך אַליין נאָך דערקוויקן מיט די אותיות פֿון דער שפּראַך. און ווי ביטער עס זאָל אים ניט זיין אויפֿן האַרצן, אָט דעם לעצטן ייִדישן שד, ווייסט ער ווי אויפֿצולעבן דעם עבֿר דורך זיינע קונצן — און זיין בדחנישער קונסט.

## מקורים

### (ווערק פֿון יצחק באַשעוויסן וואָס ווערן דאָ דערמאָנט:)


1. ״אויפֿן עולם־התוהו״, די ייִדישע וועלט (וואַרשע) 1 (1928): 53־64.
2. ״אַרום דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן״, די צוקונפֿט (אויגוסט, 1943): 468־475.
3. גימפּל תּם און אַנדערע דערציילונגען (ניו־יאָרק: ציקאָ, 1963).
4. ״ווערטער אָדער בילדער״, ליטעראַרישע בלעטער, נומ׳ 34 (1927): 663־665.
5. מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון (ת״אָ: י.ל. פּרץ, 1971).
6. ״פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פּראָזע אין אַמעריקע״, סבֿיבֿה, נומ׳ 2 (מאַרץ־אַפּריל, 1943): 2־13.
7. ״צו דער פֿראַגע וועגן דיכטונג און פּאָליטיק״, גלאָבוס, נומ׳ 3 (סעפּטעמבער, 1932): 39־49.
8. דער שפּיגל און אַנדערע דערציילונגען, אַריינפֿיר פֿון חנא שמערוק (ירושלים: ייִדיש־אָפּטייל ביים ירושלימער אוניווערסיטעט, 1975).
9. דער שׂטן אין גאָריי: אַ מעשׂה פֿון פֿאַרצייטנס און אַנדערע דערציילונגען, פֿאָטאָמעכאַנישער איבערדרוק פֿון נ״י 1943 (ירושלים: ייִדיש־אָפּטייל ביים ירושלימער אוניווערסיטעט, 1972).


### (ווערק וועגן באַשעוויסן:)


10. Edward Alexander, **Isaac Bashevis Singer** (Boston: Twayne, 1980).
11. Joseph Epstein, "Our Debt to I.B. Singer", **Commentary** (November 1991):31-37.


### (אַנדערע פֿאַרשאַרבעטן)


12. יחיאל שיינטוך, ״בין ספרות לחזון: תקופת וארשה ביצירתו הדו־לשונית של אהרן צייטלין״, קובץ מחקרים על יהודי פולין: ספר לזכרו של פאול גליקסון (ירושלים תשמ״ז), זז׳ 117־139.